UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

Title
A Kapitl Fun An Umgebrakhter Velt / A Chapter From A Murdered World

Permalink
https://escholarship.org/uc/item/5fc0p1h5

Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 91(1)

Author
Abraham Golomb, Avrum Golomb /

Publication Date
1978

Copyright Information
Copyright 1978 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

## אברהם גאָלאָמב

# אַ קאַפּיטל פון אַן אומגעבראַכטער וועלט

(פון מיינע זכרונות)

גענענדיקט די פּעדאַגאָגישע קורסן אין גראָדנע פון דער חברה מפיצי השכלה האָב איך אין דעם ערשטן אַרויסלאָז פון די קורסן אין יאָר 1909 און געקראָגן אַ שטעלע פון אַ לערער אין דער וויטעבסקער תלמוד תורה. אין יענער שטאָט איז אָבער דעמאָלט געווען כאָלערע און די לימודים אין די שולן האָבן זיך אָנגעהויבן אין אָקטאָבער ערשט. בין איך דערווייל געווען ביי די עלטערן אין שטעטל. ניט געוווּסט וואָס עס דערוואַרט מיך. ווען איך בין געקומען קיין וויטעבסק האָב איך געפונען אַז עס וואַרט אויף מיר אַ קלאַס פון 71 יינגלעך תלמוד־תורה קינדער און נאָך אַ קלאַס אין אַ גאַנץ ווייטן אָפּטייל פון דער תלמוד תורה, וואָס קיין אַנדער לערער האָט ניט געוואָלט נעמען... איך האָב ניט געוווּסט קיין אונטערשייד פון קיין קלאַסן און גענומען אָן פּראָטעסטן וואָס מען האָט מיר געגעבן. געקומען בין איך פרייטיק. שבת לערנט מען ניט. האָט מען מיך געפירט צו דעם צווייטן לערער, וואָס האָט געדאַרפט לערנען מיט מיר צוזאַמען אין דער אָפּטייל.

ביי יענעם לערער איז מיר אויסגעקומען צו הערן גאָר אַ נייע פּעדאַגאָגישע תורה: אָן אַ ווירע גייט עס ניט אין קלאַס. ס'איז אַ תלמוד תורה, די קינדער קענען די וועלט איבערקערן. מען מוז זיי שלאָגן. אָט דערצו האָט ער תמיד מיט זיך די ווירע. אַז פּאַטשן, זאָגט מען, טאָר מען ניט. בלייבט איין זאַך: מיט דער ווירע איבער די הענט. אַניט וועלן אייך די קינדער אויפן קאָפּ קלעטערן. דאָס איז פאַר מיר געווען גאָר אַ נייע פּעדאַגאָגיק, און דער עלטערער לערער האָט עס מיר געוואָלט לערנען. ער איז געווען דער איינציקער פון די אַלטע לערערס וואָס די נייע פאַרוואַלטונג האָט געלאָזן. עס איז פאַר מיר אויך געווען אין גאַנצן אַ נייע פּעדאַגאָגיק, וואָס אויף די פּעדאַגאָגישע קורסן אין גראָדנע האָב איך דאָס ניט געהערט פון קאָנשטאַמען, דעם דירעקטאָר פון די קורסן...

איך האָב פאַר דעם שבת זיך גוט צוגעגרייט צו די זעקס לעקציעס, און בין אַריין אַרבעטן אין קלאַס. ערשט די 71 תלמידים הערן ניט וואָס איך רייד. זיי האָבן זייערע געשעפטן וואָס זיינען ביל־כער פון דעם וואָס איך דריי זיי אַ קאָפּ, און זיי האָבן גאָר אַן אַנדער וועלט מיט אַנדערע אינטערעסן. זיי זיינען 71 און דער לערער איז איינער. ווער הערט אים? איך ווער הייזעריק שרייענדיק. איך ווער שוין הייזעריק, איך מוז גיין צו אַ דאָקטער. דער דאָקטער איז אַ מיטגליד פון דער פאַרוואַלטונג. ער איז אָבער אין כעס אויף יידן: זיי זיינען אַזוי טומלדיק, עסן ווי מען דאַרף קענען זיי ניט. מען רופט אים עקסטרע ער זאָל אַרויסנעמען ביינער פון זייער האַלדז... איז ער שטענדיק בייז.

מיינע צרות אין די קלאַסן הערן ניט אויף. דערצו בין איך נאָך הייזעריק אויך. איך באַשליס: איך קען ניט זיין קיין לערער, איך דאַרף זוכן אַ נייע פּראָפעסיע. איך שרייב אַ בריוו צו דער פאַרוואַלטונג אַז איך זאָג זיך אָפּ פון דער אַרבעט. דעם זונטיק גיי איך שוין ניט צו דער אַרבעט. איך פּאַק זיך גאָר. איך פאָר צוריק צו די עלטערן אין שטעטל. ערשט דער דירעקטאָר איז דאָ. מיין בריוו, זאָגט ער, האָט מען ניט גענומען אין אַכט. ענטפערן — איז ניט וויכטיק. מען באַפרייט מיך ניט פון דער אַרבעט. איך דאַרף גיין צוריק אין קלאַס, צו דער אַרבעט... ווייטער דער גיהנום. פאַרפאַלן... ביז היינט בין איך הייזעריק און דאָס איז מיר אַן אָנדענק פון ערשטן יאָר אַרבעט אין שול.

ווען ניט אויף די לעקציעס זיינען מיר מיט די קינדער „גוטע פריינד". זיי קומען צו מיר אַהיים, מיר שמועסן — סאַמע גוטע פריינד נאָר ביי די לעקציעס — אַ גיהנום ווי געווען. די חברים לערער אינ־טערעסירן זיך ווייניק מיט מיר און מיט מיינע צרות. די קינדער, דאַכט זיך, גוטע,

זיי קומען צו מיר אַהיים, זיי דערציילן מיר וועגן זייערע היימען, וועגן אַלץ. גוט און גוט, און ווי נאָר עס קומט צו די לעק־ציעס איז אַלץ צרות איבער צרות.

בקיצור, איך בין אויף צרות. עסן? ווער עסן? וואָס עסן? מיין האַלדז טוט וויי. איך מוז גיין צו אַ דאָקטער היילן מיין האַלדז. ביז היינט איז מיר געבליבן די הייזעריי־קייט — אַ ירושה פון דעם ערשטן טאָג לערעריי.

מען דאַרף אין שול נאָך אַ לערער. עס קומט אַ קאַנדידאַט. ער גיט אַ פּראָבע־לעקציע, פרעגט מען ביי מיר אַ מיינונג. איך ענטפער אַז איך טאָר קיין מיינונג ניט זאָגן: איך אַליין טויג דאָך ניט. מיין מיינונג איז ווערט גאָר ניט... דער איינ־ציקער צו וועמען איך שרייב אַלץ איז קאָנשטאַם, דער דירעקטאָר פון די גראָד־נער קורסן. זיינע בריוו דערפרייען מיך אַ ביסל, אָבער גאָר ווייניק. מיין גאַנצע האָפענונג צו ווערן אַ יידישער לערער האָט זיך אויסגעלאָזט מיט גאָרניט: איך טויג ניט צו דעם. איך עס ניט, איך שלאָף ניט, איך קום פון שול ליג איך און וויין. איך לעב בלויז מיט יענע מאָמענטן ווען מיר דוכט זיך אַז זיי זיינען געווען גוטע.

מיט אַמאָל באַקום איך אַ בריוו פון קאָנשטאַמען אַז ער וועט זיין ביי מיר די און די דאַטעס. ער נוצט אויס די ווינטער־וואַקאַציעס צו פאָרן צו עטלעכע תלמידים. וועט ער זיין אויך ביי מיר. עס דערפרייט מיך. אָבער אין קלאַס טויג איך ווידער ניט. אין מיין אומעטיקער לאַגע האָב איך זיך געטרייסט מיט די מאָמענטן וואָס מיר האָט זיך געדאַכט, אַז די תלמידים זיינען געוואָרן גוט, אַז מיר איז געלונגען זיי צו פאַראינטערעסירן און מאַכן זיי אויפמערקזאַם צו זיך. דאָס זיינען אָבער מאָמענטן אין גאַנץ אומעטיקע טעג. קאָנ־שטאַם איז געקומען. די גאַנצע צייט גע־זעסן ביי מיר, ניט געווען אין ערגעץ, מיט קיינעם ניט גערעדט. וועגן מיין אַר־בעט אויך מיט מיר ניט גערעדט... אויך אין די בריוו ניט דערמאָנט גאָרניט. ערשט צום סוף יאָר אין שול האָט ער מיר געהייסן זיך אָפּזאָגן פון דער אַרבעט. ער וועט פאַר מיר קריגן אַ בעסערע אַרבעט.

איך האָב אַזוי געטאָן, זיך אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט אין דער תלמוד תורה.

צום לערן־יאָר 1912 פאָר איך שוין ניט אין וויטעבסק, איך פאָר קיין דרום, קיין גאָלטע, כערסאָנער גובערניע, אין אַ מיידל־שול. גאַנץ ווייט פון ווילנע, אָבער וואַרעמער, דער הימל ניט פאַר־וואָלקנט. פויערים פאָרן אויף צוויי פערד. ס'איז וואַרעמער און טרוקן. אויפן מאַרק זע איך אַ באַרג מיט קאַווענעס, וואָס מיר פלעגן דאָס עסן נאָר ראש־השנה צו מאַכן די ברכה שהחיינו. עס איז ניט האַרבסט, נאָר זומער. דאָס שטעטל טרוקן, ניטאָ קיין בלאָטעס. גאָר ניט ווי אין מיין שטעטל לעבן ווילנע. די קינדער אין שול — אַ מיידל־שול. ווי נאָר איך האָב זיך אַריינ־געקליבן אין אַ דירה, ערשט איך הער פון מיין צימער אַ הילכיקן געלעכטער פון מיידלעך. מען קלאַפּט אין טיר. מען רופט מיך גיין שפּאַצירן. אַ פולע שטוב מיט מיידלעך. מען גייט צום אָסטראָוו אינדזל. מען באַקענט מיך. אַלץ מיידלעך וואָס האָבן געענדיקט די שול. ניט קיין אָרעמע תלמוד־תורה קינדער. אַ ברייטער טייך (דרום בוג). אין מיטן טייך אַ אינדזל אַ גרויסער, אַ קליינער וואַסער־פאַל. פון ביידע זייטן טייך שטייען פאַבריקן. מען פאָרט אַריבער און מען קומט צום „אָסט־ראָוו". עס איז נאָך זומער, וואַרעם, זוניק, ניט דער הימל פאַרוויינט, ווי איך האָב נעכטן געלעזן אין ווילנע. מען האָט אויס־געשפּרייט אַ טישטוך און זיך גענומען עסן. אייגנטלעך ניט עסן בלויז, נאָר עסן און לאַכן. מען לאַכט און מען עסט. קיין מאָל אין ליטע ניט געהערט אַזוי פיל לאַכן ווי דאָ האָב איך געהערט אויף דעם אינ־דזל. פאַר מיר איז געווען אינטערעסאַנ־טער דאָס וואָס איך האָב עפּעס זיך ניט געוואָלט זעצן אויפן אומבאַקאַנטן גראָז...

גייענדיק צוריק פון אינדזל האָב איך מיט אַמאָל באַגעגנט אַ צווייטן תלמיד פון די קורסן — כאַצקל העז. ניט געוווּסט לגמרי אַז אַ צווייטער סעמינאַריסט איז אויך געקומען אין זעלביקן שטעטל. העז איז געווען איינער פון די בעסטע תלמידים אין זיין צייט אויף די קורסן. ער איז מיט יאָרן שפּעטער געשטאָרבן אין ישראל ווי אַ דעפּוטאַט אין כנסת פון מפא"י. ער

איז געקומען ווי אַ לערער אין דער תּלמוד תּורה אין באָגאָפּאָל. מיר איז געוואָרן היימלעכער. בכלל איז זעלטן אַזאַ געטרער ייד און בעיקר אַזאַ לוסטיקער און פריילעכער ווי עס איז געווען כאַצקל העץ. פאַרשטייט זיך אַ די חבֿרה האָט זיך צוגעקלעפּט צו אים.

מיר זיינען אוועק אַהיים. מאָרגן זונטיק, מען דאַרף שוין אָנהייבן אַרבעטן. עס איז גאָר אַן אַנדער אַרבעט. די תּלמידות — אַלע ביז איינע אויסגעפּוצט, גייען אַלע אין זאַל. מען שטעלט זיך אויס אין צוויי שורות. די דירעקטאָרין, מרים איינהאָרן, וואָס איך האָב זיך באַקענט מיט איר אין ווערעק, ביי ווילנע, וווּ זי האָט פאַרבראַכט זומער. גאָר אַן אַנדער שטימונג. די דירעקטאָרין גייט צווישן די קינדער, קוקט דורך די קליידער. עטלעכע מיידלעך האָט זי געשיקט אַהיים וואַשן די קליידלעך. זי האָט געפונען אַ פלעק. מען טאָר ניט קומען אין שול מיט אַ פלעק. ערשט פון זאַל גייט מען אין די קלאַסן. די דירעקטאָרין פירט מיך אַריין אין אַ קלאַס, אַלע קינדער שטעלן זיך. זי שטעלט מיך פאָר: דער מאַן וועט זיין אייער לערער פון העבּרעיש און פון נאַטור. זי האָט נאָך עפּעס געזאָגט די קינדער און מיך געלאָזט אַליין אין קלאַס. — — — גאָר ניט דאָס וואָס אין וויטעבסקער תּלמוד תּורה. איך דאַרף ניט שרייען. אויף דער הפסקה כאַפּ איך זיך, וואָס איז דאָס? אַ גאַנצע לעקציע איז אַדורך און איך האָב קיין איין מאָל ניט אויפגעהויבן די שטים, קיין איין מאָל ניט אָנגעשריען! אַ מאָדנע שול אַזאַ!

איך באַקען זיך מיט די לערערס און לערערקעס. מען לאַכט, עפּעס גאָר ניט ווי אין תּלמוד תּורה אין וויטעבסק. איך פיל מיך גאָר אַנדערש. איין לערער רעדט נאָר עבֿרית. דאָס איז דער „מורה“. ער קומט פון ארץ ישׂראל, רעדט רק עבֿרית. איך רעד צו אים עבֿרית. מען באַקענט מיך מיטן צווייטן נייעם לערער, ח. ש. קאַזדאַן. ער לערנט רוסיש און חשבון. איך — עבֿרית און נאַטור. מען קלינגט. איך גיי אין אַ נייעם קלאַס. די דירעקטאָרין פירט מיך, שטעלט מיך ווידער פאָר פאַרן קלאַס. עטלעכע דרייסיק קינדער און עס איז שטיל. נאָך וויטעבסקער תּלמוד תּורה איז עס מיר אַ חידוש. דאָ קען מען אויפטאָן אַ סך. מען דאַרף ניט שרייען, מאַטערן דעם האַלדז. די צייט גייט דורך נאָרמאַל. עפּעס אַ וויץ, די קינדער לאַכן. עס איז אָבער שטיל. איך טו דאָ אויף ניט אין פאַרגלייך מער פאַר דער זעלביקער צייט. איך פיל, דאָ וועט מיין האַלדז געזונט ווערן.

אָפּגעגעסן אויף דער דירה, מען קלאַפּט אין טיר. ווער איז? דער „ניסתּר“. דער נאָמען איז מיר עטוואָס באַקאַנט. דעם נאָמען געטראָפן אין דער ליטעראַטור. געעפנט, עס קומט אַריין אַ יונגער ייד. ער באַקענט זיך. איז ניט קיין לערער אין שול, איז ער געקומען זיך באַקענען. די ווייב איז אַ לערערין אין ערשטן קלאַס. ער זיצט און רויכערט. רעדט און רויכערט. מיט קאַזדאַנען און זיין פרוי האָט ער זיך שוין באַקענט, איז ער אַריין צו מיר זיך באַקענען. מען רעדט, ד״ה, דער ניסתּר רעדט און איך הער. ער פרעגט, ווי געפעלט מיר דאָס אָרט און די אַרבעט. די באַלעבאָסטע פון דער דירה רופט טרינקען טיי. מיר גייען ביידע. די באַלעבאָסטע רעדט נאָר רוסיש, אָבער דער ניסתּר ענטפערט נאָר יידיש. איך בין צופרידן פון דעם בייט וויטעבסק אויף גאָלטע.

אַ מאָדנע שטאָט דאָס גאָלטע. עס איז איגנטלעך גאָר דריי: גאָלטע, באָגאָפּאָל און אָלוואָפּאָל. גאָלטע רעכנט זיך אַ דאָרף — פון די הונדערט און דריי, ווו יידן מעגן וווינען. באָגאָפּאָל איז אַ שטעטל און אָלוואָפּאָל איז אַ שטאָט. והא ראיה, דאָרטן זיצט אַ חסידישער רבי. די דריי שטעטלעך זיינען אָפּגעטיילט מיט אַ טייך און ביי־טייך — דער דרום בוג און אַ טייך מיט דעם נאָמען סיבוכע, וואָס פאַלט אויך אַריין אין בוג. די בריקן זיינען שווימענדיקע. מען צענעמט זיי ווען דער אייז גייט. איגנטלעך זיינען זיי איין שטאָט, נאָר די ישובֿים געהערן צו צוויי גובערניעס און צו דריי אויעזדן. גאָלטע איז די רייכסטע. דאָ זיינען די באַנקען, די באַנען — אַ רייכע שטעטל. באָגאָפּאָל איז אַ טיפּישע יידיש שטעטל, אָלוויאָפּאָל — אַ גוישע שטאָט, וויניק יידן אָבער אַ חסידישער רבי וווינט דווקא דאָרטן. אין אַלע דריי ישובֿים צו־

צוזאַמען — אַ היפּשע יידישע באַפּעלקע־רונג. אין גאַלטע איז דאָ די באַרימטע מיידל־שול, אין באַגאָפּאָל איז דאָ אַ תרמוד תורה פאַר יינגלעך און אין אַלוויאָפּאָל איז דאָ דער חסידישער רבי, נאָר קיין שול איז ניטאָ.

אַלע מיידלעך פון אַלע דריי ישובים לערנען דאָ אין „מאַרגאַליסקעס אוטשי־לישצע", ווי די ווייבער רופן די שול — דער איינציקער צוויי־גאַרדיקער בנין אין ישוב. די מיידל־שול האָט לערער פון ארץ ישראל. ער רעדט מיט אַלעמען עברית, אפילו אין קאָרטן שפּילט ער אויף עברית. מיט דער יידישקייט פון די מייד־לעך איז מען ווייניקער פאַראינטערעסירט (מיידלעך דאַרפן דאָך ניט דאַווענען). מיט די יינגלעך אין תלמוד תורה איז עס ערגער. זיי האָבן, דאַכט זיך, אַ ספּעציעלן רבין, וואָס פירט די יינגלעך דאַווענען. קיין דיסציפּלין פראַגע איז דאָ ניטאָ אין דער תלמוד תורה.

די מיידל־שול איז באַרימט אין אַלע ישובים אַרום. די גרינדערין פון דער שול איז די פרוי פון דעם באַליבטן דאָק־טער מאַרגאַליס. זי האָט אויך אירע צוויי טעכטער געהאַלטן אין שול. דאָס האָט געהאָלפן: אַלע רייכע יידן פון אַלע דריי ישובים האָבן געהאַלטן די טעכטער אין דער שול. דער ערשטער העברעישער לערער אין געווען זשוכאָוויצקי, וואָס איז שפּעטער אַוועק קיין ארץ ישראל און דאָרט האָט ער זיך גערופן זכאי (ניט לאַנג גע־שטאָרבן). איך בין געווען שוין דער דריי־טער לערער פון עברית. יידיש האָט גע־לערנט קאַזדאַן (אויך אַ נייער לערער אין שול). דער ערשטער לערער פון יידיש איז געווען זשוכאָוויצקי, דער צווייטער — מנחם רודניצקי (שפּעטער אַוועק קיין ארץ ישראל), דער דריטער — חיים שלמה קאַזדאַן, און איך דער פערטער.

ערשט אין ד ע ר שול האָב איך זיך דערפילט ווי אַ לערער און געאַרבעט זי־כער; איך האָב זיך געפילט ווי אַ לערער וואָס האָט הנאה פון זיין אַרבעט. איבער־הויפּט בין איך געווען צופרידן מיט מיינע לעקציעס פון נאַטור־לימוד. איך פלעג אָפּאַרבעטן האַלבע נעכט אויף דעם צו־גרייטן די עקספּערימענטן צו די לעקציעס אין לערער־צימער. די לעקציעס גופא פלעג איך פירן ניט אין קלאַס נאָר אין שול־זאַל. די תלמידות — אויף שטולן אין זאַל און איך אויף דער עסטראַדע ביי צוויי לאַנגע טישן. אָנהייבן די לעקציע ביי איין טיש און ענדיקן ביים סוף פון צווייטן טיש. איך האָב זיך אויסגעאַרבעט אַ גאַנצע טעאָריע וועגן נאַטור־לימוד. איך פלעג אַליין הנאה האָבן פון די עקס־פּערימענטן. פלעג איך אַזוי זיך אָפּשפּילן האַלבע נעכט. צו די לעקציעס פלעגט אַלץ זיין פאַרטיק. איין מאָל זיינען נאָך דער לעציע צוגעלאָפן צו מיר צוויי תלמי־דות און אויף גיך אַ זאָג געטאָן:

— אוי, לערער, איר קענט דאָך זיין אַ קונצן־מאַכער — — —

ווי מיט קאַלטן וואַסער האָבן מיך די צוויי קינדער אָפּגעגאָסן. איך האָב די צוויי אויסגעזידלט: איך לערן אייך דענ־קען און איר זעט גאָר קונצן. פון דעסט־וועגן האָב איך די זאַך גענומען ערנסט. פון דעמאָלט אָן האָב איך זיך באַמיט אויס־צומיידן קאָמפּליצירטע עקספּערימענטן און בכלל זאַכן וואָס מען קען אָנגעמען ווי „קונצן". איך ווייס ניט ווי די אַנדערע לערערס האָבן דאָס אויפגענומען, אָבער די קינדער זיינען געווען פאַרכאַפּט פון די „קונצן" מיינע. בכלל בין איך אין מיינע אויגן שטאַרק אויפגעוואַקסן. קיין ספקות מער ניט צי איך בין אַ לערער צי ניט.

נאָך די וויטעבסקער צרות איז גאַלטע געווען פאַר מיר אַ גן־עדן. אין מיינע בריוו צו קאָנשטאַמען האָב איך אַנטוויקלט אַ גאַנצע טעאָריע וועגן עקספּערימענטן אויף אַ לעקציע. מיט איין וואָרט — איך בין געקומען צו זיך. די פאַרוואַלטערין האָט מיר געוויזן אַ בריוו פון קאָנשטאַמען ווו ער פרעגט זיך נאָך אויף מיין אַרבעט. וואָס זי האָט אים געענטפערט ווייס איך ניט. איך שטעל זיך אָבער פאָר. מיך פאַרדריסט ביז איצט וואָס איך האָב ניט קיין קאָפּיעס פון יענע בריוו מיינע צו קאָנשטאַמען. שפּעטער מיט יאָרן האָט ער מיר געזאָגט, אַז מיינע בריוו האָט ער אויסגענוצט אויף די לעקציעס פון פּעדאַ־גאָגיק. פאַר מיר איז איצט געוואָרן קלאָר די השפעה פון דער שול אויף דעם לערער.

וואָס וואָלט פון מיר געוואָרן ווען איך בלייב אין וויטעבסקער תלמוד תורה?

אין די אינטערעסן פון שול איז געווען צו רימען די לערערס. בין איך געווען גערימט ווי אַ וווּנדערבאַרער לערער פון נאַטור. איבערהויפּט פלעג איך הנאה האָבן פון די לעקציעס וואָס איך האָב געגעבן אויפן וואַסער פון די צוויי טייכן. די לעקציעס אויפן וואַסער זיינען געווען אַ יום־טוב פאַר די קינדער און פאַר מיר — ניט ווייניקער. אַזוינע לעקציעס פלעגן זייך אין די יום־טובדיקע טעג. די קינדער פלעגן שוין קומען אין שול אין באַדקאָסטיומען. אַלע מיידלעך האָבן געקענט שווימען. געווען צווישן זיי באַרימטע שווימערקעס. איך אַליין האָב געקענט די טייכן מער ווי דאָס שטעטל. גאַנצע טעג און נעכט פלעג איך פאַרברענגען אויפן וואַסער, ווען מיר זיינען געווען פריי. איין מאָל האָבן מיר געפּראַוועט סוף־יאָר יום־טוב אויף שיפלעך. ס'איז געווען אַ פאַרמעסט אין שווימען. וואָס פאַראַ משוגעתן איך האָב אַלץ אויסגעטראַכט! און די שול איז געוואָרן שטאַרק באַליבט ביי די קינדער. איך האָב אָבער געמוזט אַנטלויפן פון די... שדכנים.

נאָר דאַן איז אָנגעקומען די מלחמה. איך בין געוואָרן אַן אַרבעטער אין אַ פאַבריק וואָס האָט געאַרבעט פאַר דער מלחמה. דער דאָקטער איז מאָביליזירט געוואָרן און איז דאָרט געשטאָרבן. זיין פרוי, די דירעקטאָרין, האָט געמוזט פאַרקויפן אירע זאַכן כדי זי זאָל האָבן פון וואַנען צו לעבן. די שול איז געוואָרן אַ מיליטערישער שפּיטאָל און זי האָט זיך איינגעטוליעט אין אַ הילצערנער געביידע. אָן דעם דאָקטער, אָן דער געביידע איז די שול געוואָרן ווי אַ יתומה. איך האָב געמוזט אַוועקפאָרן, אַנטלאָפן אויך פון די שדכנים, וואָס האָבן פאַרמאַטערט די פרוי איינהאָרן ביז זי האָט זיי אַרויסגעטריבן. אַ שטעל האָב איך געקראָגן אין פעטערבורג (דאַן שוין פעטראָגראַד).

## פעטראָגראַד

פיר יידישע גרויסע שולן זיינען געווען אין פעטראָגראַד. די קינדער זיינען געווען מער רוסיש ווי יידיש. מען האָט מיט זיי געלערנט העברעיש, נאָר ניט קיין יידיש. איך האָב זיך געפילט פרעמד און ווייט, ניט געקענט זיך צוגעוווינען צו די קינדער וואָס זיינען געווען מער גוייש ווי יידיש. איך פלעג זיך צוהערן צו די שמועסן פון די קינדער: כמעט רוסישע קינדער. מען האָט זיי געשיקט אין דער יידישער שול כדי זיי זאָלן כאָטש אַ ביסל הערן פון יידישקייט. עס האָט אָבער ווייניק געהאָלפן. קיין איין יידישער טוער, קיין איין יידישער שרייבער איז ניט אויפגעוואַקסן פון די פיר יידישע שולן. גאָט האָט רחמנות געהאַט אויף מיר און מיר צוגעשיקט צוויי שוועסטערלעך פון דער ליטע. זיי האָבן געקאָנט יידיש, רוסיש — גאָר ניט. צוליב זיי האָב איך אַלע פרייטיק געלייענט עפּעס אויף יידיש. זיי פלעגן לאַכן און די אָרטיקע פעטערבורגער קינדער האָבן געקוקט ווי אַ האָן אין בני־אָדם.

גאָט האָט געהאָלפן, די רעוואָלוציע איז געקומען. אויף פּסח בין איך געפאָרן צו אַ חבר, וואָס האָט אָנגעפירט אַ שול פאַר יידישע קינדער אין יאַראָסלאַוו אויף דער וואָלגע. דאָס איינציקע מאָל ווען איך האָב געזען ווי די וואָלגע צעגיסט זיך. גרויסע קריעות אייז האָט דער טייך מיט רציחה געטראָגן, גרויסע שטיקער אייז האָבן זיך געבראָכן און געקנוילט. דער הויכער ברעג טייך איז געווען פול מיט מענטשן. דעם צווייטן ברעג האָט מען ניט געזען. אַזוי האָט זיך די וואָלגע צעגאָסן. שטייט לעבן מיר אַ רוס און זאָגט: „די מוטערל וואָלגע שלעפּט מיט כעס דעם אייז. דאָס רוסישע פאָלק האָט אויך צעבראָכן דעם צאַרישן יאָך, מיט דעם אונטערשייד: די וואָלגע וועט צוריק איינפרירן, דאָס רוסישע פאָלק — קיין מאָל ניט מער." דאַכט זיך אַז ער האָט אַ טעות געהאַט... אָבער ניט דאָס בין איך אויסן. פון פעטערבורגער יידישע קינדער בין איך אַנטלאָפן. איין שוואַלב קען קיין זומער ניט מאַכן. אפילו עטלעכע קענען קיין זומער ניט מאַכן.

איז רוסלאַנד פאַרפאָרן. אויף וויפל יאָרן? ווער ווייס? מעגלעך אויף אייביק. געבאָרן צו קריכן, קען ניט פליען (גאָרקי). עס איז ביי מיר פאַראַן אַ גלויבן, אַז אָן דענקענדיקע לערערס קען בכלל ניט זיין קיין פּראָגרעס פון קולטור. די לערערס

לערנען אלף־בית אָבער אָן זיי קען ניט וואַקסן קיין קולטור, קיין מהר״ם שיף. און אויב פון די יידישע שולן איז ביז היינט ניט אויפגעוואַקסן קיין איין גאון, איז עס אַ שלעכטער סימן פאַר די שולן. גרויסע קולטור־שעפערס וואַקסן נאָר ווו עס זיינען דאָ אלף־ביתניקעס. אָן די צווייטע איז ניטאָ פון וואַנען עס זאָלן אָנוואַקסן די ערשטע. גרויסע מעכטיקעביימער וואַקסן דאָרטן ווו עס זיינען דאָ גראָזן. די יידישע קולטור איז זיך אַזוי צעוואַקסן דווקא דאָרטן ווו עס זיינען דאָ פולע בתי־מדרשים מיט לערערס, וואָס קענען קוים דורכקריכן אַ בלאַט גמרא. אָן די לעצטע, פון וואַנען זאָלן קומען די ערשטע? אָן אַלטע צווייגן, פון וואַנען זאָלן קומען די נייע? אָן אלף־בית לערנערס, פון וואַנען זאָלן זיך נעמען יונגע קענערס, די אורח חיימס? אָן ערשטן גאָרן קען ניט זיין קיין צווייטער. אָן קליינע ריטשקעס קען קיין גרויסער טייך ניט זיין און אָן אַלף־בית לערנערס קענען ניט זיין קיין גאונים. דאָס איז די ראָל פון די קליינע לערנערס וואָס זיינען געווען אין יעדער שטאָט און שטעטל. אין אַ גאַלטע און אין אַ באָגאָפאָל האָבן מיר געהאָדעוועט די קליינע פישלעך. צווישן זיי זיינען שוין געווען די גרויסע העכט אויך. און דאָס איז געווען אונדזער אויפטו. מיר האָבן דעם באָדן געאַקערט און געזייט. שניידן האָבן אַנדערע געשניטן.

אין פעטערבורג האָב איך געהאַט אַ שטעלע דווקא אַ גוטע, נאָר געלעבט האָב איך דאָרט פאַר דער רעוואָלוציע אומלעגאַל, ניט פאַרמאָלדן אין דער פאָליציי. דערפאַר האָב איך געדאַרפט צאָלן דעם אויפזעער פינף רובל אַ חודש און דווקא מיט גאָלד. און פעטערבורג האָט געהאַלטן ערב דער רעוואָלוציע. די דינסט פון שול האָט געוווּסט פאָרויס ווען עס וועט זיין די רעוואָלוציע. זי האָט אונדז פאָרויס געזאָגט מיר זאָלן ניט גיין אין גאַס יענעם טאָג. כדי צו קויפן אַ פונט ברויט פלעגט מען דאַרפן שטיין אין דער ריי אַ לאַנגע צייט. פלעגט מען שטיין ביי די טויערן ביז מען האָט דערזען די סאָלדאַטן פאָרן מיט די ביקסן פאָרויס. אין אָוונט האָבן געבּרענט אַלע „אוטשאַסטקעס״.

פאָליציאַנטן האָבן זיך אויסבאַהאַלטן און פון די פענצטער האָט מען געוואָרפן ברויט און צוקער גאַנצע זעק. אַלץ אין פייער. וויפל מיין מיטגייער האָט זיך געבעטן מען זאָל ניט ברענען נאָר נעמען פאַר זיך, האָט ניט געהאָלפן. מען פלעגט געבן אַ קוק אויף אונדז און ענטפערן: „איר, יעווריאַי (שוין ניט זשידי), גייט זיך אייער וועג און לערנט ניט וואָס צו טאָן: טאָמער קומען זיי צוריק, זאָלן זיי גאָרניט האָבן.״

אויף מאָרגן אין דער פרי אַ בייעס — די צוויי פעטראָגראַדער פאָלקן זיינען מיט די ביקסן צוגעשטאַנען צו דער רעוואָלוציע. עס איז געוואָרן פריילעכער. מען וואַרט אויף בייעס. געווען אַן אָפּמאַך ביי מיין פאַרוואַלטערינס מאַן מיט אַ רעדאַקציעס, אַז ווי נאָר מען וועט וויסן אַז אין דייטשלאַנד איז אויך אַ רעוואָלוציע זאָל מען אָנקלינגען אין טעלעפאָן. זיצן מיר עטלעכע: שמואל ניגער, נחום שטיף, מען לייענט אַ בריוו פון זשיטלאָווסקין און מען וואַרט אויף דייטשלאַנד און גאָרניט. אין דייטשלאַנד איז קיין רעוואָלוציע ניט געווען.

געווען וווּנדערבאַרע עלעמענטן אין דער רעוואָלוציע אין פעטראָגראַד. דערציילן זיי וואָלט איין בוך ניט געווען גענוג. די וואָלגאַ האָט צעבראָכן איר אייז און טראָגט עס ווייט ביז עס וועט צעגיין, און די רוסישע רעוואָלוציע גייט אָן איר גאַנג. ס׳איז כדאי געווען צו זען דעם רוסישן טייך און כדאי געווען צו זען דאָס רוסישע פאָלק ווי זיי ביידע האָבן זיך באַפרייט פון זייער אייז. וווּנדערבאַרע בילדער, דערציילן זיי — זאָלן דאָס טאָן אַנדערע. דער טייך און דאָס פאָלק, ביידע האָבן זיך צעגאָסן אָן אַ ברעג. זיי טראָגן דעם אייז מיט כעס און רציחה, וווהין? צום לעבן, ניט. מיר שטייען אויפן הויכן ברעג און קוקן. ביידע האָבן זיך באַפרייט פון אייז! און וואָס ווייטער? וועט מען נאָך זען.

גלייך נאָך פסח האָב איך געוואָרפן מיין אַרבעט אין גוישן פעטערבורג און אַוועקגעפאָרן צו מיינע יידישע קינדער. געזעגנט זיך מיט פעטראָגראַד. איך געדענק נאָך אַלץ די לוויה וואָס דאָרט פון די געהרגעטע אין דער רעוואָלוציע, ווי די

אַרבעטער פון אַ גרויסער מלוכהשער פאַבריק גייען אין זייערע ציווילע קליי־דער מיט ביקסן. רוסלאַנד ווי די וואָלגע איז צוריק אונטערן אייז. ווינטער.

איך בין אין כאַרקאָוו, מיט מיינע יידי־שע קינדער, וואָס די שלימזלדיקע מלחמה־פירערס האָבן אַרויסגעטריבן פון גאַנץ פוילן. איך בין ווידער צווישן מיינע יידן. עס האָט זיך צעפלאַקערט די אַלטע מלחמה: יידיש־העברעיש. כאַרקאָוו איז אָפּגעריסן פון פעטערבורג. קאָנשטאַם עפנט לערער־קורסן אַליין. געלט איז ביליק. ער לייגט מיר פאָר איך זאָל נעמען נאַטור־וויסנשאַפט. איך זאָג אים: אויף יידיש נעם איך. קאָנשטאַם איז דער פאָר־זיצער פון העברעישן לערער פאַריין. ענטפערט ער מיר ניט אפילו. איך געזעגן זיך מיט קאָנשטאַמען און זיין משפחה. איך פאָר קיין קיעוו וווּ מען גיט מיר אַרבעט.

צוויי לערער־פאַרבאַנדן, אַ יידישער און אַ העברעישער. די מלחמה יידיש־העב־רעיש האָט זיך ווידער צעפלאַקערט. אוסישקין וויל עפענען די יידישע גרינ־דונגס־פאַרזאַמלונג אין העברעיש. די יידישיסטן שרייען „יידיש"! בראַוואָ! אוסישקין האָט ניט גערעדט! דער איינ־ציקער לערער צוזאַמענפאָר האָט גע־שפאַלטן די לערערשאַפט. די העברעער גרינדן דעם „המורה", די יידישיסטן שאַפן דעם דעמאָקראַטישן לערער־פאַרבאַנד. קאָנשטאַם איז פאַרזיצער פון „המורה". מיך האָט מען פון וויטן אַריינגענומען אין דער פאַרוואַלטונג פון דעמאָקראַטישן לע־רער־פאַרבאַנד. איך מוז פאַרלאָזן כאַר־קאָוו און קאָנשטאַמס שטוב וווּ איך בין ווי אַ קינד. איך געזעגן זיך מיט קאָנ־שטאַמען און פאָר אַריבער קיין קיעוו וווּ מען גיט מיר אַרבעט אין אַ שול. פון דע־מאָלט אָן האָט קאָנשטאַם מיט מיר מער ניט גערעדט אויף אַ פעדאַגאָגישער טעמע.

איך דרוק אָפּ מיין ערשטע פעדאַגאָגישע אַרבעט. איך נעם אַ נומער פון זשורנאַל, (רעדאַקטאָר, שמעון דאָבין), קלעפּ אַריין אַ ספּעציעלע זייט, אָנגעשריבן אויף וויפל איך האָב נאָר געקענט מיין אַכטונג צו מיין רבין און דאָס געגעבן קאָנשטאַמען. ער איז ניטאָ, גיב איך דאָס דעם זון פאַרן טאַטן. אויף מאָרגן האָט מיר דער זון דערציילט: דער טאַטע האָט ביינאַכט גע־וויינט לייענענדיק מיין אַרטיקל. מיט מיר אָבער — קיין וואָרט ניט מער וועגן פעדאַגאָגיק.

אויפגעטאָן האָבן ביידע גאָרנישט, וואָרן היינט צו טאָג איז ניטאָ אין גאַנץ רוסלאַנד קיין איין יידישע שול ניט אויף העברעיש, ניט אויף יידיש, און די בתי־מדרשים, וואָס פלעגן אַמאָל פאַרקלינגען די גאַס מיט דעם גמרא־ניגון, שטייען איצט ליידיק. ניטאָ מער דער קול התורה. בכלל איז וואָס געווען מער ניט היינט. געווען אַ דורותדיק־איינגעשטעלט טעכ־נישער גאַנג. „אַמאָל איז געווען". וואָס אַמאָל איז געווען קען מען וויסן. וואָס אַמאָל וועט זיין — גאָט ווייסט.

קאָנשטאַם גיט מיר אַרבעט, אָבער אַלץ אין העברעיש און איך וויל יידיש. ווער זיינען יידישיסטן? די וואָס קענען ניט קיין העברעיש. אַלע טומלען אין דער גרויסער מחלוקת יידיש־העברעיש. אָבער וואָס איז דער אויפטו? אָט, מען טומלט זיך. דאָס גופא איז דער יידישער גייסט. מען קריגט זיך און צוליב די קליינע קריגערייען פאַר־לירט מען דעם עיקר. דערציילט דאָך נאָך די גמרא, אַז צוליב אַ הון מיט אַ האָן קריגעריי איז געקומען דער גלות. און דער גלות ציט זיך און ציט זיך אָן אַ סוף און אָן אַ ברעג.

אין קיעוו איז מיין שול ווייט פון צענ־טער, כמעט לעבן דעם פאַרשטאָט דעמ־יעווקע. דאָרט איז דאָ די ערשטע שול אויף יידיש. ברוך שוואַרצמאַן האָט גענו־מען אַ פאָר דירות ביי זיין פאָטער אין הויז און געמאַכט אַ שול. די שול האָט יידישע לערערס: שמעון דאָבין, לייב בראַוואַר־ביק, מיכל לעוויטאַן און דער גרינדער. זיי לערנען אַלע לימודים אין יידיש. אוי־סער זיי איז פאַראַן אַ לערערין פאַר ענג־ליש. די שול אין איר אַרבעט האָב איך ניט געזען. נאָר אין מיין צייט איז שוין אַלץ געוואָרן אַנדערש. די שולן שטאַטי־שע, געהאַלט באַקומען די לערערס פון שטאַט. די תלמוד תורות ווערן געוויינ־לעכע שולן. דעמיעווקער שול — אויס יחסנטע: אַלע שולן גלייך. אַנדערש איז געוואָרן מיט די לערערס: צוויי באַזונדערע לערער־פאַרבאַנדן, אַ יידישער און אַ

העברעישער. וואָס אין העברעישן פאַר־באַנד טוט זיך ווייס איך ניט. איך בין בלויז אין פאַרוואַלטונג פון יידישן פאַר־באַנד. איך קען נאָר דעם לערער מאַר־גאַלין, וועלכער איז שפּעטער אַוועק קיין ארץ ישראל.

## פון קיעוו קיין ווילנע

אַז די באָלשעוויקעס האָבן איבערגע־נומען די מאַכט אין קיעוו זיינען אַרויס־געשפּרונגען גאָר נייע „אידעאַלן" און נייע לאָזונגען. איך דערמאָן זיך אין רעדע אין קיעווער שטאָט־דומע. עס איז דאָרט געזאָגט געוואָרן: „איצט נאָך דער סאָצי־אַלער רעוואָלוציע האָבן מיר איין אידעאַל — אויס מיט די מענדעלעך, מיט די פּרצ־עס און אַפילו מיט די שלום עליכמס. איצט האָבן מיר איין אויפגאַבּ: מיר דאַרפן שמידן די סאָציאַלע רעוואָלוציע." דאָס האָט געזאָגט משה ראַפּעס. דער אַלטער שמעון דאָבין, וואָס איז געזעסן לעבן מיר, האָט זיך צעוויינט אויפן קול. ביי וואָס בלייבן מיר? ביי גאָר ניט? אַלע תלמוד תורה מלמדים האָבן אויף גיך איבערגע־נומען דעם לאָזונג „אַרבעט־שול" און מען האָט שטאַלצירט מיט דעם. פאַר אַרנטלעכע לערערס איז ניט געבליבן וואָס צו טאָן. איך דערמאָן זיך אין שרעקלעכן מאָמענט: איך האָב געהאַט אַ שטיקל שבת־דיקע חלה. האָב איך זיך באַהאַלטן אוי אַ בוידעם און געגעסן. וואָלט איך זיך ניט באַהאַלטן, וואָלט מען עס ביי מיר צו־גענומען. האָב איך פון באַהעלטעניש דערזען ווי דער באַרימטער לערער ספּי־וואַק גייט עפּעס אויפן בוידעם. פרעג איך אים: וווהין גייט איר עפּעס? ערשט ער ענטפערט מיר מיט אַ געוויין: — וואָס איז מיר געבליבן צו טאָן, אַז קינדער דערציילן, איך האָב זיי באַגנבעט, איך האָב גענומען פאַר זיך, וואָס עס איז גע־שיקט געוואָרן פאַר זיי... מיר איז אויס־געקומען אַז ער גייט זיך עפּעס אָנטאָן... האָב איך אָנגעהויבן צו שרייען. האָט ער אויסגעבראָכן אין אַ שטאַרקערן געוויין ביי מיר אויפן אַקסל. איך האָב אים אַראָפּגעפירט פון בוידעם. אויף מאָרגן אָדער איבערמאָרגן איז געוועזן אין יענער שול אַ משפּט. די תלמידים האָבן באַ־שולדיקט די לערערס אַז זיי באַגנבענען די קינדער. נאָך מיין רעדע האָט אַ תלמיד הויך געפרעגט: וויפל האָבן די לערערס באַצאָלט גאָלאָמבן ער זאָל ריידן פאַר זיי?

געוועזן לערערס וואָס קענען זיך צופּאַסן צו אַלץ. זיינען זיי איצט אויך געוועזן אויפן פערד. פאַר אַנדערע איז עס געוועזן אומ־מעגלעך, האָבן זיי ניט געהאַט קיין צו־קונפט אין קיעוו. אין קולטור־ליגע איז אַריינגעשיקט געוואָרן אַ קאָמיסאַר, וואָס האָט, דאַכט זיך, יאָ געקאָנט לייענען יידיש. די גאַנצע קולטור־ליגע איז געהאָנגען אויף אַ האָר. עס איז געבליבן: מען מוז אַרויס־פאָרן פון רוסלאַנד. אַרויספאָרן האָט מען געקאָנט נאָר אומלעגאַל. די גרענעצן זיי־נען געוועזן ניט שטאַרק געהיט. פאָרן דאַרף מען ביסלעכווייז. דער ערשטער איז געפאָרן ח. ש. קאַזדאַן. איך מיט קאַזדאַנס פרוי און דריי־יאָריקן זון האָבן געדאַרפט פאָרן אין אַ משא־וואַגאָן מיט אַ בלעכענעם איוועלע. געפאָרן פון קיעוו ביז קאָמענעץ־פּאָדאָלסק איז מען צען טעג; הייצן דאָס איוועלע פלעגט מען מיט די פּאַרקאַנעס אויפן וועג. מיר פלעגן די פּאַרקאַנעס האַקן ווען נאָר די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט. און הייצן האָט מען געמוזט וויל מיר פאָרן דאָך מיט אַ קינד.

געקומען קיין פּראָסקוראָוו, ערשט צוויי מיידלעך שושקען זיך מיט די בחורים וואָס פירן דעם וואַגאָן סחורה... זיי זאָגן: „זיי מוזן זיך באַהאַלטן, זיי בלייבן דאָ אין פּראָסקוראָוו." מיר פאָרן אַליין.

געקומען קיין קאָמעניעץ! מזל טוב! קאַזדאַנס פרוי איז מען געקומען אָפּנעמען. זי איז ניט געוואָרן. איך מיט מיינע פּעק־לעך שלעפּ זיך. קיין דראָזשקע ניטאָ, מען מוז שלעפּן אויף זיך, און עס איז ניט נאָ־ענט ביז דער שטאָט. קוים געקומען, קוים דערבראַכט די צוויי טשעמאָדאַנען. איך האָבן אַן אַדרעס. זיי ווייסן אַלץ. מען האָט זיי געשריבן פון קיעוו. זיי וועלן שוין באַזאָרגן אַלץ.

גאַנצע טעג פאַרברענג איך אין קינ־דער־גאָרטן. איך דריי זיך ניט אין גאַס. די באַקאַנטע, עלטערן פון מיין חבר אין קיעוו, זיינען די איינציקע וואָס ווייסן דעם ציל פון מיין קומען. זיי שווייגן. איך אויך.

איך דאַרף נעכטיקן, אָבער איך קען נעכטיקן בלויז אויפן בוידעם — טאָמער קומט מען זוכן. שוין. מען האָט באַשטעלט אַ פור. איך גיי אַרויס בייטאָג, ס'איז נאָך ליכטיק. טאָמער שטעלט מיך אָפּ אַ פּאָליציאַנט, גיי איך מיט אַ זעקל אויפן פּלייצע כלומרשט אין דאַרף קויפן עסנוואַרג. אין זעקל פיר איך אַ מאַנוסקריפּט פון אַ ביכל און אַ העמד. געקומען. איך דאַרף גיין אויפן בוידעם. פאָרן וועט מען ביינאַכט. ביז נאַכט דאַרף איך זיין ניט אין שטוב. בעסער אויפן בוידעם. ביינאַכט אַ זייגער עלף — דער גוי וועקט מיך אויף. מיר פאָרן. עס פאָרן עטלעכע פורן. עס פאָרט אויך פרוי קאַזדאַן מיטן קינד. מיינע צוויי טשאַמאָדאַנען, וואָס איך האָב געשלעפּט פון באַן, וועט מען מיר צושיקן אין אַ פּאָר טעג אַרום. — — —

* * * * *

ביז איצט האָב איך דערציילט וועגן מיין לערעריי. לאָמיר איצט עטוואָס דערציילן וועגן דעם סוף. אָנגעהויבן האָב איך אין 1909. געענדיקט אין יאָר 1964. פאַר דער צייט געאַרבעט אין וויטעבסק, גאָלטע, כאַרקאָוו (אַ קורצע צייט בלויז), פּעטראָגראַד, קיעוו, ווילנע (גאַנצע צען יאָר).

אָנגעהויבן ווי אַ צרהדיקער לערער אין אַ תלמוד תורה און געענדיקט ווי אַ לערער און פירער פון אַ לערער־סעמינאַר. פון קיעוו בין איך געפאָרן קיין ווילנע. ווי איך בין אַריבער די גרענעץ האָט ניט קיין שייכות אַהער. אין ווילנע צען יאָר געווען דער דירעקטאָר פון לערער־סעמינאַר און געהאָדעוועט לערערס פאַר די יידישע שולן. איך האָב געלערנט אַלע פּעדאַגאָגישע לימודים. נאָך דעם פאַרנעם איך זיך בלויז מיט שרייבן. 41 ביכער געדרוקט און פאַרשפּרייט. פון אָנהייב, לערעריי און צוריק צום אָנהייב — אַ פולער ציקל.

אַ סך ענדערונגען דורכגעמאַכט פאַר דער צייט. שולן וווּ כ'האָב געאַרבעט, געהאָפט אַז עס וועט בלייבן, זיינען אַוועק מיטן ווינט, וואָס האָט זיך דורכגעטראָגן איבער אַלע ישובים. פון די ערשטע תלמידים מיינע זיינען געבליבן בלויז אַ פיר־פינף. אין סעמינאַר האָב איך געלערנט אַלע די מעטאָדיקעס פון אַלע לימודים אַחוץ מאַטעמאַטיק, ווייל איך בין געווען דער איינציקער לערער וואָס האָט דורכגעמאַכט אַלע שטאַפּלען. הונדערט מיט עטלעכע און צוואַנציק לערערס האָבן מיר צוגעגרייט אין סעמינאַר. בראש זיינען געשטאַנען ד"ר ביבער און איך. איך פלעג אַלע טאָג בלייבן אין סעמינאַר און ענטפערן אויף בריוו פון געוועזענע תלמידים. איך האָב זיך געמאַכט פאַר אַ כלל, אַז קיין בריוו פון אַן אַמאָליקן תלמיד טאָר ניט בלייבן נעכטיקן אָן אַן ענטפער.

דאָס איז אַלץ וואָס געווען. איצט פאַרנעם איך זיך בלויז מיט דער שרייבמאַשין. אָבער די 41 ביכער וואָס זיינען געדרוקט און די פּאָר ביכער, וואָס איך האָף נאָך צו דרוקן ביי מיין לעבן, לכשירחיב, זיינען דעד רעזולטאַט פון מיין אַרבעט. עס איז געווען ווייניק קריטיק. ווייס איך ניט צי איז עס ווייל די ביכער מיינע זיינען צו שוואַך קריטיקירט צו ווערן, אָדער דערפאַר וואָס אונדזער קריטיק האָט ניט גענוג קריטיקערס.

דאָס איז אין קורצן דער רעזולטאַט פון אַ קרייזלויף פון צוגרייטן זיך צו לערעריי ביז צוגרייטן אַנדערע צו לערעריי. און די גאַנצע צייט געליטן פון צאַריזם, געליטן און גענאַרט. אַ זעקס־יאָריקע שול איז געווען רעגיסטרירט ווי אַ צוויי־יאָריקע. אָפיציעל איז די שפּראַך געווען רוסיש, פאַקטיש אָבער איז די שפּראַך געווען העברעיש און יידיש. ווען דער אינספּעקטאָר פלעגט אַריין דורך דער טיר, פלעגט דער „מורה" אַרויס דורכן פענצטער. פאַראַן אַ רוסיש ווערטל: וועסט ניט אָפּנאַרן וועסטו ניט פאַרקויפן." די רוסישע רעגירונג האָט אַרומגעשטעלט יידישע שולן אַז עס איז געווען אוממעגלעך ניט אָפּצונאַרן. אָט די תורה ווי אָפּצונאַרן האָבן יידן געמוזט קענען. איך דערמאָן זיך: אַ תלמידה האָט מיר עפּעס געענטפערט. ווי זי האָט דערזען די מעשענע קנעפּ פון אינספּעקטאָר איז זי גלייך אַריבער צו רוסיש. די קינדער האָבן געוווּסט אַז מיר נאַרן אָפּ די אינספּעקטאָרן. מיר האָבן געמוזט אָפּנאַרן. ווען עס איז אַרויס דאָס געזעץ וועגן שולן אויף דער מוטער־שפּראַך האָבן מיר גע־